# נאַציאָנאַליזם און שפּראַך; סאָציאַלע פּראָצעסן אין 19טן און 20סטן י״ה*

פֿון שיקל פֿישמאַן

די פּסחדיקע דראַמע הייבט זיך אָן מיטן ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף — ס'איז אויפֿגעשטאַנען אַ נייַער מלך אין מצרים, וואָס האָט יוספֿן ניט געקענט. עס איז אָפּט זייער שווער זיך צו דערמאָנען די בראשיתן פֿון אַלע אונדזערע ייִדישע דראַמעס, און דאָס איז אַ בפֿירושער שאָד און אויך אַ בפֿירושער אַרויסרוף, ווייַל מיר האַלטן הייַנט אין אַמעריקע, אין ישׂראל און אין ייִוואָ בייַ אַ צייַט פֿון לא ידע את יוסף, בייַ אַ צייַט, ווען ס'איז קריטיש נייטיק צו דערקלערן די נייַע דורות און צו דערקלערן זיך אַליין, פֿון וועלכע סאָציאַלע, היסטאָרישע, און פֿילאָסאָפֿישע קאָנטעקסטן עס האָבן זיך גענומען אונדזערע באַוועגונגען, אונדזערע איבערצייַגונגען, אונדזערע דערגרייכונגען, אונדזערע שאַפֿונגען, אונדזערע עמאָציעס. און ס'איז גוט פֿון צייַט צו צייַט זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן דעם, ווי גיט מען צו פֿאַרשטיין אַנדערע דאָס וואָס מיר האָבן אַליין פֿון קינדווייַז אָן געוווּסט, און טאַקע אויך דערפֿילט, ווייַל מיר האָבן נאָך קינדווייַז אַליין געקענט יוספֿן. מיר האָבן נאָך געקענט די וואָס האָבן דעם ייִוואָ געבויט און געשאַפֿן. מיר האָבן נאָך געקענט די וואָס האָבן פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿאַר דער ייִדישער שול, אָפּגעגעבן זייער צייַט און זייער כּוח און זייער האַרץ. מיר האָבן נאָך אַליין געזען ווי מען האָט די ייִדישע שפּראַך געצערטלט, און ווי מען האָט זי אַנטוויקלט איין וואָך נאָך דער צווייטער. אָבער צי קענען מיר דאָס יענעם דערקלערן? צי קענען מיר למשל געבן צו פֿאַרשטיין זיך און אַנדערע דאָס שייַכות צווישן שפּראַך און קולטור, צווישן שפּראַך און פֿאָלק, אַ שייַכות וואָס איז אַזוי צענטראַל אי אין דער ייִדישער דראַמע פֿון נעכטן אי אין דער ייִדישער דראַמע פֿון הייַנט, אַ שייַכות וואָס איז צום באַדויערן אַזוי שוואַך קענטיק און אַזוי ניט קלאָר אין דעם אַמעריקאַנער ענגלישן אינטעלעקטועלן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. און דאָ מיין איך נישט דעם אַנגלאָ-ייִדישן, נאָר טאַקע דעם ענגליש-אַמעריקאַנער לעבן. אָבער סייַ אין דעם מאָדערנעם סייַ אין דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן געדאַנק, צי אויף ייִדיש צי אויף העברעיִש, איז דאָס אַ שייַכות וואָס איז פֿונדאַמענטאַל, און פּונקט אַזוי איז עס חל אויך אויף אַנדערע פֿעלקער און אומות אויף דער וועלט. דערפֿאַר טאַקע

* אַ רעפֿעראַט געלייענט אויף דער 44סטער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ דעם 3טן מייַ 1970.

איז עס אַזוי נייטיק און אַזוי שווער זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן דעם ווי אַזוי מען דאַרף אייגנטלעך דערקלערן דעם א ש ר ל א י ד ע א ת י ו ס ף. ווי אַזוי דערקלערט מען דאָס י ע נ ע ם? ווי אַזוי פֿאַרשטייט מען דאָס אַליין מיטן שׂכל און נישט מיטן האַרצן? אַוועקשטעלנדיק אויף אַזאַ אופֿן די פּראָבלעם, צי איך בכּיוון אַרויס פֿון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער ברייטערער פֿאַרבינדונג צווישן שפּראַך און נאַציאָנאַליזם (אַן אַרבעט, מיט וועלכער איך פֿאַרנעם זיך די לעצטע עטלעכע יאָר) עטלעכע פֿעדעמלעך וואָס קענען וואַרפֿן אַ ליכט אויף אונדז, דאָס הייסט אויפֿן ייִוואָ ווי אַן אינסטיטוציע, אויפֿן ייִוואָ ווי אַן אידעאַל, אויף זײַן שפּראַכאַרבעט און אויף זײַן שפּראַך־שליחות.[1]

יעדע מעשׂה, אַפֿילו אַ קאָמפּליצירטע מעשׂה (און די מעשׂה מיט וועלכער איך פֿאַרנעם זיך הײַנט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע), מוז זיך ערגעץ אָנהייבן. און איך וועל אָנהייבן מיט זוכן די מאָדערנע שײַכותן צווישן שפּראַך און נאַציאָנאַליזם אין דער ערשטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט, ווײַל דעמאָלט האָבן גענומען קלאָר ווערן און זיך אײַנשטעלן בײַ אייראָפּעיִשע דענקערס און פּירערס, זייערע אייגענע מיינונגען וועגן דעם שײַכות צווישן מלוכה (אָדער מלוכישע אינסטאַנצן און פּראָצעסן) פֿון איין זײַט, און נאַציאָנאַליטעט פֿון דער אַנדערער זײַט. ווי מאָדנע דאָס זאָל אונדז הײַנט ניט אויסזען, איז דאָס נישט קיין טעמע, וואָס דענקערס האָבן כּסדר זיך פֿאַרנומען מיט איר משׁשת ימי בראשית, נאָר דאָס איז לפֿי־ערך אַ נײַע טעמע. ערשט דעמאָלט, ווען די טעמע האָט גענומען אָנרײַסן, האָט אַ גרויסע צאָל אינטעלעקטועלע פּירערס זיך געמוזט מיט איר אָפּגעבן.

אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, נאָכן ווינער קאָנגרעס, האָט אייראָפּע אויס־געזען נישט קיין סך אַנדערש ווי אין דער פֿאַרנאַפּאָלעאָנישער צײַט. דאָס איז געווען אַן אייראָפּע פֿון ס׳רובֿ גרויסע מלוכות, און דער ווינער קאָנגרעס (נאָך דעם ווי מען האָט צעשלאָגן נאַפּאָלעאָנען) האָט טאַקע געמיינט צוריק אויפֿצו־שטעלן דעם בנין פֿון די גרויסע מלוכות. פֿון איין זײַט די אַ״ג האָמאָגענע מלוכות פֿון מערבֿ און צפֿון־אייראָפּע — שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, פֿראַנקרײַך, גרויס־בריטאַניע, די פֿאַראייניקטע נידערלענדער, דענמאַרק, און אויך סקאַנדינאַוויע. און פֿון דער צווייטער זײַט די אַ״ג העטעראָגענע מלוכות פֿון מיזרח און פֿון דרום־אייראָפּע — רוסלאַנד, טערקײַ (די אָטאָמאַן־אימפּעריע), און די עסטרײַך־אונגערישע אימפּעריע. נאָכן ווינער קאָנגרעס איז שוין קיין פּוילן נישט געווען; פּוילן איז געוואָרן צעטיילט און דער גרעסטער שטח אירער איז אַריבער צו רוסלאַנד. אין סאַמע צענטער פֿון אייראָפּע, צווישן די העטעראָגענע מלוכות און די האָמאָגענע מלוכות, האָבן זיך געפֿונען דײַטשלאַנד און איטאַליע, וואָס זענען נאָך געווען פּאָליטיש צעפּיצלט, נישט־פֿאַראייניקט.

אין שײַכות מיט דער פּראָבלעם מלוכה און נאַציאָנאַליטעט זײַנען דעמאָלט אויפֿגעקומען צוויי מיינונגען וואָס זענען נאָך ביז הײַנט די פֿאַרשפּרייטסטע מיינונגען אין דער וועלט. די עלטערע מיינונג, די וואָס איז מער אָנגענומען אין מערבֿ־אייראָפּע (דאָס הייסט אין די עלטערע און אין די מער אײַנגעפֿונדע־

[1] זען מײַן *Language and Nationalism*, Rowley, Mass., Newbury House, 1972.




אייראָפּע אין 1789

וועטע מלוכות וואָס זענען אויפֿגעקומען נאָך העט־העט פֿאַרן אָנהייב פֿון דער אינדוסטריעלער מאָדערניזאַציע, אין די מלוכות וואָס זענען זיך צעוואָקסן אויפֿן חשבון פֿון זייערע שכנים מיט יאָרהונדערטער פֿריִער, אַזוי אַז ביזן 19טן יאָר־הונדערט האָבן זיי שוין געהאַט אַבסאָרבירט, אינטעגרירט און פֿאַרשלונגען זייערע שכנים), איז אַזאַ : די מלוכה און אירע פּראָצעסן, אירע אינסטאַנצן, האָבן באַשאַפֿן די נאַציאָנאַליטעט. וואָס האָט געהייסן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אין מערבֿ נאַציאָנאַליטעט? נאַציאָנאַליטעט איז געווען דער פּועל־יוצא פֿון שותּפֿות־דיקער געשיכטע. נאַציאָנאַליטעט האָט געהייסן דער פּועל־יוצא פֿון איינגע־שטעלטע מלוכישע טראַדיציעס, פֿון איינגעשטעלטע קאָמערציעלע, אינדוסטריע־לע פּירעכצן, פֿון איינגעשטעלטע קיניגלעכע הויפֿן און סימבאָלן, פֿון איינ־געשטעלטער דערציִונג, פֿון בשותּפֿותדיקע טעקסטן, פֿון בשותּפֿותדיקע לידער, פֿון בשותּפֿותדיקע לערנפּראָגראַמען. אָט די אַלע מלוכישע פּראָצעסן און אינס־טאַנצן, האָט מען אין מערבֿ געגלייבט, ווען זיי פֿונקציאָנירן סטאַביל אין משך פֿון דורות, שאַפֿן זיי די נאַציאָנאַליטעט. דאָס הייסט: די רעגירונג, די מלוכה און אירע פּראָצעסן. אירע אָרגאַנען זענען די סיבות, די גורמים וואָס שאַפֿן די נאַציאָנאַליטעט, ווײַל די נאַציאָנאַליטעט איז אַ פּראָדוקט, אַ פּועל־יוצא, אַ דעריוואַטיוו פֿון בשותּפֿותדיקע לאַנג־דויערדיקע און מלוכיש־אָנגעפֿירטע אינס־טאַנצן און פּראָצעסן. אָבער אַזעלכע אינסטיטוציעס, האָט מען אין מערבֿ־אייראָפּע געהאַלטן, געפֿינט מען בלויז אין די אַ״ג היסטאָרישע מלוכות. דאָס הייסט די וואָס זענען שוין פֿון לאַנג סטאַביליזירט, פֿאַראייניקט, איינגעפֿונ־דעוועט — בלויז זייערע באַפֿעלקערונגען זענען נאַציאָנאַליטעטן. און בלויז באַוועגונגען לטובֿת די צילן און די נויטן פֿון יענע באַפֿעלקערונגען, יענע פֿאַראייניקטע, יענע סימבאָליש־אינטעגרירטע, זענען לעגיטימע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די מיינונג, אַז די מלוכה שאַפֿט די נאַציאָנאַליטעט, איז געווען

די דאָמינירנדיקע אין ענגלאַנד, ווו ס׳האָט זיך געדוכט אַז די גרעסערע בריטאַניע האָט שוין פֿאַרדייט די אירלענדער, די וועלשן און די סקאָטלענדער, און אַז איצט זענען זיי אַלע בריטאַנער בירגערס, נישט קיין באַזונדערע ענגלענדער, איר־לענדער, סקאָטלענדער און וועלשן. די מיינונג איז געווען די אָנגענומענע אין פֿראַנקרייך, ווו די רעוואָלוציע האָט מיט דער גאַנצער ערנצטקייט אָפֿיציעל אָפּגעשאַפֿט די רעגיאָנאַלע גרופּעס מיט זייערע רעגיאָנאַלע שפּראַכן, לויט אַ באַשלוס פֿון דעם פּאַרלאַמענט, און זינט דעמאָלט זײַנען אָפֿיציעל אין פֿראַנקרײַך נישט פֿאַראַן נישט קיין ברעטאָנען, נישט קיין פּראָווענסאַלן און נישט קיין קאַטאַלאָנען, און פֿון דער רעוואָלוציע ביז צו דע־גאָל און פּאָמפּידו האָבן מיר אָפֿיציעל בלויז איין גרעסער פֿראַנקרײַך און איין פֿראַנצייזישע נאַציאָנאַליטעט.

אין שפּאַניע איז מען אָנהייב 19טן יאָרהונדערט געווען מער ווי זיכער, אַז קאַטאַלאָניע, גאַליציע, קאַסטיליע, נאַוואַראַ, אַראַגאָן און דער באַסקן־געגנט וועלן שוין מער קיין אייגענע געשיכטעס נישט פֿאַרמאָגן, ווײַל פֿון איצט אָן איז פֿאַראַן בלויז איין שפּאַנישע נאַציאָנאַליטעט און בלויז איין שפּאַנישע געשיכטע. און אַזוי אויך אין פּאָרטוגאַל, אין סקאַנדינאַוויע, אין האָלאַנד. אומע־טום האָט געהערשט די זעלבע מיינונג. און אַפֿילו פֿאַר די בפֿירוש העטעראָ־גענישע מלוכות אין צאַרישן רוסלאַנד, אין דער אָטאָמאַנער אימפּעריע, אין דער עסטרײַכער און, שפּעטער, אין דער עסטרײַך־אונגערישער אימפּעריע האָט געגאָלטן די זעלבע סכעמע, אויב נישט דער זעלבער אמת. ד״ה, אַז פֿון די היסטאָרישע מלוכישע פּראָצעסן און אינסטאַנצן וועט זיך אויסשיילן איין נאַציאָנאַליטעט, ווײַל דאָס איז דער דרך־העולם. די נאַציאָנאַליטעט איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער מלוכה, פֿון איר סטאַבילקייט, פֿון אירע פּראָצעסן.

נאָר וואָס ווײַטער, און בפֿרט נאָך 1848, האָט זיך אָט די ערשטע מיינונג אָנגעשטויסן אויף אַ היפּוכדיקער מיינונג אין צענטראַל־אייראָפּע און שפּעטער אין מיזרח־אייראָפּע. און די צווייטע מיינונג איז געווען אַז „גאָר פֿאַרקערט״, נישט דאָס מלכות איז אַ גאָטזאַך און זי שאַפֿט עס די נאַציאָנאַליטעט, נאָר די נאַציאָנאַליטעט איז די גאָטזאַך, און זי שאַפֿט עס די מלוכה.

צום סאַמע ערשטן האָבן דײַטשישע אינטעלעקטואַלן, און דערנאָך אויך איטאַליעניש, פּוילישע, טשעכישע, סערבישע, אוקראַיִנישע א״אַנד (אויך ייִדישע) אויסגעדריקט אָט די אַפּיקורסישע געדאַנקען. זייערע טענות, זייערע באַמיִונגען, און זייערע באַוועגונגען זענען אין מערבֿ נישט נאָר אויסגעלאַכט געוואָרן, נאָר באַטראַכט געוואָרן ווי שטערונגען פֿון דער עפּנטלעכער רו. וואָס האָבן געטענהט די מיזרחדיקע אינטעלעקטואַלן? אַז פֿון קדמונים אָן זענען זיי נאַציאָנאַליטעטן, פֿעלקער, און דעריבער קומט זיי אייגענע מלוכות, אָדער כאָטש מלוכישע אָרגאַנען און פּראָצעסן. זייערע פּאַרטייען, זייערע אויפֿשטאַנדן און אינטריגעס האָבן אין מערבֿ אַרויסגערופֿן אַ שטורעם, און געשטורעמט קעגן דעם נײַעם אַ״ג פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַליטעטן האָט אי די מערבֿדיקע בורזשואַזע אינטעלי־גענץ אי די מערבֿדיקע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ. די ערשטע, די בורזשו־אַזע, האָט געשטורעמט קעגן דעם פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַליטעטן כּדי צו פֿאַרהיטן די דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. די צווייטע, די רעוואָלוציאָנערע,

האָט געשטורעמט קעגן דעם פּרינציפּ כּדי נישט צו לאָזן צעברעקלען דעם נאָך לעת־עתּה שוואַכן פּראָלעטאַריאַט. אַזוי למשל האָט דער בריליאַנטער ענגלישער היסטאָריקער לאָרד עקטאָן געשריבן אין 1862, אין זײַן עסיי, 'עסיי אָן נעשאַנאַליטי':

> The state may in course of time produce a nationality, but that a nationality should constitute a state is contrary to the nature of modern civilization, and in defiance of the modifying action of external causes, of tradition and of existing rights.

און דערמיט האָט ער זיכער אויסגעדריקט די דאָמינירנדיקע מיינונג, אַ מיינונג וואָס איז בפּירוש געווען קלאָר פֿאַר אַלע, פֿאַר וועמען ער האָט געשריבן. אָבער מיט פֿיר יאָר שפּעטער האָט שוין פֿרידריך ענגעלס געשריבן מיט מער רוגזה אין זײַן אַרטיקל “What have the Working Classes to do with Poland?”.

> The European importance, the vitality of a people, is as nothing in the eyes of the principle of nationalities. Before it, the so-called Rumanians of Valachia, who never had a history, nor the energy required to have one, are of equal importance to the Italians, who had a history of 2,000 years and an unim paired national vitality! The Welsh and the Manxmen, if they desired it, would have an equal right to independent political existence, absurd though it would be, with the English! The whole thing is an absurdity! The principle of nationalities, indeed, could be invented in Eastern Europe alone, where the tide of Asiatic invasion for a thousand years recurred again and again, and left on the shores those heaps of intermingled ruins of nations which even now the ethnologists can scarcely disentangle, and where the Turk, the (Finnic) Magyar, the so-called Rumanian, the Jew and about a dozen Slavonic tribes lived intermixed in interminable confusion.

די מערבֿ־וועלט האָט אינטעלעקטועל ניט גרינג אויפֿגעגעבן (און אין אַ גרויסער מאָס, האָט זי נאָך עד־היום עמאָציאָנעל ניט אויפֿגעגעבן) איר אײַנשטעל, אַז נאַציאָנאַליטעט איז ניט מער ווי אַ פּועל־יוצא פֿון מלכות. אָבער דער אײַנשטעל האָט אַרויסגערופֿן וואָס ווײַטער אַלץ אַ גרעסערע אָפּאָזיציע, און די מערבֿדיקע אינטעליגענטן האָבן געזאָגט: „שטעלט זיך פֿאָר, אַפֿילו אין דײַטשלאַנד, וווּ מענטשן וואָלטן שוין געדאַרפֿט וויסן בעסער, האָט מען אויך די פֿאַלשע מיינונג וועגן נאַציאָנאַליטעטן". כּדי צו ראַטעווען אָט דעם אײַנשטעל, האָט מען אין מיטן 19טן יאָרהונדערט גענומען אָנערקענען אַ קאַטעגאָריע פֿון „היסטאָרישע, אָבער צעשלאָגענע פֿעלקער". דאָס הייסט, קיין מלכות האָבן זיי טאַקע ניט, נאָר פֿאַרזיכדיקע נאַציאָנאַליטעטן זענען זיי דוכט זיך יאָ. פֿאַר וואָס? ווײַל אַ מאָל האָבן זיי יאָ פֿאַרמאָגט אייגענע סטאַבילע מלוכות, און דער אַמאָל האָט אַרויפֿגעלייגט אַזאַ חותם וואָס איז נאָך געבליבן עד־היום בײַ די גריכן, בײַ די פּאָליאַקן, בײַ די דײַטשן, בײַ די איטאַליענער, בײַ די אונגערן און בײַ די

אירלענדער, דאָס הייסט, די אַמאָליקע מלוכות זייערע האָבן געשאַפֿן אַ געגוגיקע יחיד־במינודיקייט און פּאַראייניקטקייט, אַז מען מוז זיי נאָך עד־היום אָנערקענען ווי נאַציאָנאַליטעטן.

אָט דעם קאָמפּראָמיס האָט מען אָנגעהויבן דורכפֿירן בײַ די שלום־פֿאַר־האַנדלונגען פֿון בערלין אין 1878, פֿאַרשטייט זיך קודם־כּל אויפֿן חשבון פֿון יענעם, אויפֿן חשבון פֿונעם טערק. נאָכן בערלינער שלום האָבן מיר, ווי פֿריִער, די פֿאַראייניקטע האָמאָגענע מלוכות. אָבער דעמאָלט, אין 1878, איז שוין איטאַליע



אייראָפּע 1914

געווען פֿאַראייניקט (געשען איז עס ערשט מיט עטלעכע יאָר פֿריִער), און אויך דײַטשלאַנד איז שוין געווען פֿאַראייניקט. אָבער אויפֿן חשבון פֿונעם טערק האָט מען אויסגעשיילט אַ בולגאַריע, דערווײַל נאָך צעטיילט אויף צווייען; מ׳האָט אויסגעשיילט אַ רומעניע און אַ סערביע; אַ באָסניע און אַ הערצעגאָווינע; מע האָט אויסגעשיילט אַ גריכנלאַנד. דער טערק האָט געמעגט באַצאָלן פֿאַר דעם קאָמפּראָמיס, צו וועלכן ס׳איז דערגאַנגען די מערבֿ־אייראָפּעיִשע אידעאָלאָגיע, אַז יאָ, עס זײַנען פֿאַראַן נאָך אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן ווי די וואָס האָבן שוין מלוכות. די „אַנדערע" האָבן אַ מאָל געהאַט מלוכות און זיי מעגן איצט ווידער פֿאָדערן און באַקומען מלוכות. אָבער די אַנדערע „אַנדערע", די טומל־מאַכערס, די בעזגראַמאָטנע, די ניט־געוואַשענע, די ניט־ציוויליזירטע, די שבֿטים און ווילדע שבֿטימלעך, בפֿרט פֿון מיזרח־ און פֿון צענטראַל־אייראָפּע, וואָס האָבן געשטערט דעם שלום און די רו, ניט נאָר פֿון די העטעראָגענע אימפּעריעס, דאָס הייסט פֿון די טערקן און פֿון די רוסן און פֿון עסטרײַך־אונגערן, נאָר וואָס האָבן אויך געשטערט דעם שלום פֿון פֿראַנקרײַך, פֿון ענגלאַנד און פֿון שפּאַניע, זיי האָט

מען באַלד נאָך דעם קאָמפּראָמיס פֿון דעם בערלינער קאָנגרעס אָפֿיציעל באַצייכנט ווי „פּיפּלז וויטהאַוט היסטאָרי". פֿאַר וואָס „פּיפּלז וויטהאַוט היסטאָרי"? ווײַל נישט נאָר האָבן זיי ניט פֿאַרמאָגט קיין אייגענע מלוכות, נאָר זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין אייגענע מאָדערנע אינטעלעקטועלע און שטאָטישע שיכטן. זייערע שטאָטישע שיכטן האָבן זיך שוין געהאַט אַסימילירט מיט אַנדערע פֿעלקער, אַנדערע קולטורן, און אַנדערע שפּראַכן. זיי זײַנען געווען אָן אייגענע אינסטי־טוציעס און אינסטאַנצן, און דערפֿאַר האָבן זיי אויך ניט זוכה געווען באַטראַכט צו ווערן ווי נאַציאָנאַליטעטן, אָדער פֿעלקער, אַפֿילו נאָך דעם בערלינער קאָמפּראָמיס.

אויפֿן אינטעלעקטועלן חרם פֿון דער מערבֿ־אינטעליגענץ האָט די צענטראַל־מיזרח־איראָפּעיִשע אינטעליגענץ געענטפֿערט מיט אַ הויכן לא היה ולא נבֿרא. ראשית האָבן זיי געענטפֿערט, איז נאַציאָנאַליטעט דער קודם — אַ נאַטורזאַך, און דערפֿון ערשט, פֿון דער בשותּפֿותדיקער נאַציאָנאַליטעט פֿון אַ באַפֿעלקערונג, וואַקסט אַרויס ווי אַ פּראָדוקט די מלוכה וואָס דאַרף די נאַציאָנאַליטעט שטיצן און שיצן און שטאַרקן און היטן. והשנית איז אַ בילבול אַז מיר זײַנען אָן אַ געשיכטע. פֿאַרקערט, מיר האָבן אַ גרויסע, אַ שיינע, אַ גלאָררײַכע געשיכטע, וואָס מיר דאַרפֿן זי פֿון דאָס נײַ בלויז דערקענען, און דערפֿאַרשן, און פֿאַרשטיין, ווײַל די געשיכטע אונדזערע פֿאַרמאָגט אין זיך נישט נאָר דעם סוד פֿון אונדזער אַלטער גרויסקייט, נאָר אויך דעם סוד פֿון דער אויטענטישקייט, פֿון דעם שליחות, פֿון דער אַנדערשקייט, וואָס מיר מוזן ווידער אויפֿלעבן און וואָס וועט אונדז ווידער גרויס מאַכן אַזוי ווי אַ מאָל.

מיטן צוריקוואַרפֿן דעם בילבול, אַז זיי זײַנען „פּיפּלז וויטהאַוט היסטאָרי" האָט זיך אָנגעהויבן דער אינטעלעקטועלער אויפֿוואַך פֿון די ייִנגערע אייראָ־פּעיִשע נאַציאָנאַליטעטן. יעדע נאַציאָנאַליטעט האָט זיך דערקענט אַ דאַנק דער פֿאַרשערישער אַרבעט און דער שאַפֿערישקייט פֿון היסטאָריקערס, פֿון לינגוויסטן, פֿון ליטעראַטור־פֿאַרשערס און פֿון פֿאָלקלאָריסטן, פּראָפֿעסיאָנעלע און אַמאַ־טאָרישע.

טייל שײַכותן צווישן ייִדישן און ניט־ייִדישן געדאַנק אין אָט די צוויי פֿאַרשיידענע אייראָפּעיִשע סיסטעמען פֿון פֿאַרבינדן מלכות און נאַציאָנאַליטעט זײַנען זיכער ביט שווער צו געפֿינען און אויסצושעפּן אין מערבֿ־אייראָפּע, ווו מ׳האָט געהאַלטן, אַז די בשותּפֿותדיקע אינסטיטוציעס און פּראָצעסן פֿון דער רעגירונג פֿאַראייניקן אַלע בירגערס אין איין גרעסערער נאַציאָנאַליטעט. האָבן אויך ייִדן גענומען טראַכטן וועגן זיך אין טערמינען פֿון זײַן בלויז אַ רעליגיעזער וואַריאַנט פֿון דער לאָקאַלער נאַציאָנאַליטעט. למשל: אויב וועלשער און סקאָט־לענדער און אירלענדער האָבן געקענט ווערן בריטאַנער, פֿאַר וואָס זאָלן ייִדן דאָס נישט קענען ווערן? אויב ברעטאָנען און פּראָווענסאַלן קענען זײַן פֿראַנ־צויזן, פֿאַר וואָס זאָלן ייִדן דאָס נישט קענען זײַן? דאָ אין מערבֿ האָט מען נאַציאָנאַליטעט באַשטימט לויטן געבורטאָרט, און נאַציאָנאַליטעט און בירגער־שאַפֿט זײַנען געווען הינו־הך. ווער עס ווערט געבוירן אין ענגלאַנד — איז אַן ענגלענדער. דאָס איז זײַן בירגערשאַפֿט און דאָס איז זײַן נאַציאָנאַליטעט.

אויב מלכות באַשטימט די נאַציאָנאַליטעט, איז גאַנץ קלאָר, אַז מלוכישע צוגעהעריקייט, בירגערשאַפֿט, באַשאַפֿט די נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט, די נאַציאָנאַליטעט. אויב אַזוי איז דאָך דער ייִד נישט מער ווי אַ מין ענגלענדער אין ענגלאַנד, ווי אַ מין פֿראַנצויז אין פֿראַנקרײַך, ווי אַ מין שוועד אין שוועדן, און אויב ייִדן זײַנען נאָך נישט אידענטיש אויף אַלע הונדערט פּראָצענט מיט אַנדערע ענגלענדער, פֿראַנצויזן און סקאַנדינאַוון, איז דאָס בלויז ווײַל זיי טראָגן נאָך אויף זיך דעם חותם פֿון זייער „היסטאָרישן, אָבער צעשלאָגענעם" סטאַטוס פֿון אַ מאָל. צוליב יענער אַלטער געשיכטע זײַנען זיי נאָך עד־היום פֿון משהס גלויבן, און טיילווײַז פֿון משהס מינהגים און מיצוות. נאָר דאָס איז אַלץ אַן איבערבלײַב פֿון אַ מאָל, אָבער שוין מער נישט קיין שאַפֿערישע אַנדערשקייט פֿון דעם הײַנט און פֿון דעם מאָרגן. דאָס איז פּונקט אַזוי חל אויף די ייִדישע שפּראַכן, ייִדיש און העברעיִש, ווי אויף דער ייִדישער הלבשה. פֿאַר דײַטשן פֿון משהס גלויבן זײַנען אייגענע שפּראַכן פּונקט אַזוי איבעריק ווי אייגענע קאָסטיומען.

ווען די ייִדישע אינטעליגענץ פֿון מיזרח־אייראָפּע האָט זיך גענומען באַפֿרײַען פֿון דעם מערבֿדיקן צוגאַנג צו די ענינים, האָט מען דאָס שײַכות צווישן מלכות און נאַציאָנאַליטעט, צווישן שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט, גענומען זען אַנדערש. די ציוניסטישע אינטעליגענץ האָט געקוקט אויף דער עובֿדה פֿון בויען אַ ייִדישע מלוכה ניט נאָר אין תּנכישע טערמינען, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אין די זעלבע טערמינען, צוליב די זעלבע אינטעלעקטועלע פּראָצעסן, ווי עס האָבן דאָס פֿאַרשטאַנען די אַרומיקע מיזרח־אייראָפּעיִשע אינטעלעקטואַלן לגבי זיך: דאָס פֿאָלק דאַרף אַ מלוכה, און דעם פֿאָלק קומט אַ מלוכה, און דאָס פֿאָלק וועט די מלוכה אויפֿשטעלן. אָבער אַ מלוכה איז פֿאַרט ניט מער ווי אַ פּועל־יוצא. מלוכות פֿאַלן און קומען אויף, אַזוי האָבן די פּאָליאַקן אויך געגלייבט, נאָר דאָס פֿאָלק איז אייביק, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. די ניט־ציוניסטישע ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ האָט אויך פֿאַרשטייט זיך אָפּגעגעבן פּריאָריטעט דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. די קולטור־אויטאָנאָמיע, וועגן וועלכער דובנאָוו האָט געשריבן, און צו וועלכער ער האָט געצילט, האָט ער פֿאַרשטאַנען ווי אַ פּראָדוקט, לויט אים דער העכסטער פּראָדוקט, פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, און זיכער ניט פֿאַרקערט, אַז דאָס פֿאָלק איז אַ פּראָדוקט פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע.

ביידע גרויסע מאָדערנע ייִדישע ריכטונגען, די ציוניסטישע און די ניט־ציוניסטישע, האָבן בהסכּם מיט זייער אַרום באַטראַכט בירגערשאַפֿט און נאַציאָנאַליטעט ווי צוויי גאַנץ באַזונדערע אידענטיפֿיקאַציע־סימנים. נאַציאָנאַליטעט — דאָס איז אַ געירשנטער שטריך און ווענדט זיך אין דער ביאָלאָגישער ירושה, וואָס דער יחיד האָט פֿון זײַנע אָבֿות־אָבֿותינו. בירגערשאַפֿט, להיפּוך, איז נישט מער ווי אַ פֿערזענלעכע לעגיטימאַציע צווישן אַ יחיד און אַן אָפֿיציעלער מאַכט. די בירגערשאַפֿט קען מען גרינג בײַטן — הײַנט אין רוסלאַנד, מאָרגן אין אַן אַנדער לאַנד, אָבער די נאַציאָנאַליטעט — דאָס נישט.

און דאָ קום איך סוף־כּל־סוף צום סאַמע האַרץ פֿונעם ענין: שפּראַך און

נאַציאָנאַליטעט. פּונקט ווי די דײַטשן האָבן זיך געגרייסט, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן אויפֿגעהיט זייער אייגענע טעווטאָנישע פֿאָלקשפּראַך בעת די פֿראַנצויזן, וואָס זײַנען דאָך לכתּחילה אויך געווען טעווטאָנען, זײַנען לאַטיניזירט און דעגראַדירט געוואָרן נאָך דעם ווי זיי האָבן פֿאַרראַטן און פֿאַרלוירן זייער שפּראַך, פּונקט אַזוי האָבן אַלע מיזרח־אייראָפּעיִשע נאַציאָנאַליטעטן באַטראַכט זייער פֿאָלקשפּראַך ווי דעם קענצייכן פֿון זייער נאַטירלעכן אויטענטישן, תּמידיקן פֿאָלקסזײַן, אַפֿילו אָן אַ מלוכה. די אַקסיאָמע פֿון דער הערדערישער און פֿון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע: דאָרט ווו ס׳איז דאָ אַ באַזונדערע שפּראַך — דאָרט איז דאָ אַ באַזונדער פֿאָלק, און דאָרט איז עס באַרעכטיקט צו כּלי־זיין אויף זיך אַליין אויפֿצוהיטן. אין מערבֿ־אייראָפּע איז די בשותּפֿותדיקע שפּראַך, פּונקט אַזוי ווי די בשותּפֿותדיקע נאַציאָנאַליטעט, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּראָדוקט פֿון אַ בשותּפֿותדיקער רעגירונג — זי שאַפֿט עס די בשותּפֿותדיקע שפּראַך. די פֿראַנצייזישע שפּראַך־אַקאַדעמיע, וואָס איז הײַנט די עלטסטע אויף דער וועלט, האָט נישט געדאַרפֿט זיך שטעלן פֿאַר אַ ציל צו רייניקן, אָדער באַרײַכערן די שפּראַך, נאָר בלויז זי אָפּצושפּיגלען, איבערצוגעבן די שפּראַך ווי זי ווערט באַנוצט „דורך די בעסטע אינסטאַנצן אין פֿראַנקרײַך״, ווײַל זיי, די בעסטע אינסטאַנצן אין פֿראַנקרײַך, שאַפֿן דאָך די שפּראַך.

צווישן די אונטערגעדריקטע נאַציאָנאַליטעטן פֿון מיזרח־אייראָפּע האָט אָבער די אייגענע שפּראַך באַרעכטיקט דאָס האָבן אַ רעגירונג, דאָס האָבן אַ שול־סיסטעם, דאָס האָבן אייגענע אינסטאַנצן. דערפֿאַר האָט מען דאָרט געהאַלטן, אַז מען מוז זיך דערגרונטעווען צו די אמתע, אָדער כּלומרשט אמתע, אויטענטישע מקורים פֿון דער שפּראַך, צו די ריינסטע שטריכן פֿון דער שפּראַך, צו די עיקרדיקע אייגנקייטן פֿון דער שפּראַך, ווײַל די באַנײַטע כּלי־זיין פֿונעם פֿאָלק, די נײַע מכשירים פֿון פֿאָלקישקייט, וועלן קענען זײַן בלויז אַזוי אויטענטיש, אַזוי ריין, אַזוי גרויס און אַזוי עפֿעקטיוו ווי די שפּראַך אַליין איז גרויס און ריין און אויטענטיש און עפֿעקטיוו. און אויב די גערעדטע שפּראַך האָט פֿאַרמאָגט לעקסישע און גראַמאַטישע און פֿאָנאָלאָגישע פֿלעקן, איז עס בלויז צוליב דער ווירקונג פֿון דער פֿרעמדער אַרומיקער סבֿיבֿה, אונטער וועלכער מען איז נאָך ביז לעצטנס געווען אונטערגעוואָרפֿן.

ווי ווייניק, אָדער ווי פֿיל עס זאָל זיך ניט האָבן געביטן לגבי 1878, האָט מען אין 1920 אין מיזרח און אין דרום נאָך אַלץ געפֿונען העטעראָגעניטעט. דאָס הייסט, אַז ס׳האָבן דאָרט געוווינט אַ גרויסע צאָל פֿעלקער־גרופּעס, אַרומגערינגלט דורך אַנדערע. אומעטום איז מען געווען (און נישט בלויז ייִדן) אַרומגערינגלט דורך אַנדערע: אונגערן דורך סלאָוואַקן, פּאָליאַקן דורך אוקראַיִנער; אוקראַיִנער דורך ווײַסרוסן; טשעכן דורך דײַטשן; סערבן דורך קראָאַטן אאַז״וו. איז אויב די שפּראַך האָט פֿאַרמאָגט פֿלעקן, איז עס געווען אַ דאַנק דעם טאַקע, וואָס אומעטום איז מען געווען אָפֿן צו דער אַרומיקער סבֿיבֿה. דערפֿאַר האָט מען אַזוי מקפּיד געווען און אונטערגעשטראָכן, אַז באמת שטאַרקע מלוכישע אינסטאַנצן, אַ באמת גוטע שולסיסטעם, אַ באמת שטאָלץ און פֿרײַ פֿאָלק — דאַרף רעדן אַ

שטאָלצע און פֿרײַע שפּראַך, באַזירט אויף איר אייגענעם און נישט אויף פֿרעמדן בוישטאָף, וואָס מע נעמט איבער בײַ די אַרומיקע.

דערפֿאַר טאָקע האָבן דײַטשע לינגוויסטן אַזוי געטענהט, אַפֿילו אין 20סטן י״ה, אַז מ׳מוז דײַטש רייניקן פֿון פֿראַנצייזיש, נאָר ענגליש פֿון פֿראַנצייזיש האָט געמוזט זיך רייניקן אָן אַ שיעור ווייניקער. פּויליש און אוקראַיִניש האָבן זיך געמוזט רייניקן פֿון רוסיש, נאָר רוסיש פֿון דײַטש און פֿראַנצייזיש אָן אַ שיעור ווייניקער. סלאָוואַקיש האָט זיך גערייניקט פֿון אונגעריש, און רומעניש פֿון סלאַוויזמען, נאָר פֿראַנצייזיש (ביז לעצטנס, ווען ס׳איז אויף איר אָנגעפֿאַלן דער פּחד פֿון ענגליש) האָט זיך פֿון ענגליש אָן אַ שיעור ווייניקער גערייניקט און מ׳האָט גאָר געשריבן פּאָעזיע אויף צו ווײַזן ווי אַזוי מ׳נעמט אַרײַן אין פֿראַנצייזיש דעם נײַעם ענגלישן בוישטאָף.

בײַ די נײַע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָט די שפּראַך־פּלאַנירונג געצילט אויפֿצודעקן די אויטענטישקייט, די פֿאַרזיכדיקייט, וואָס האָט מיט זיך פֿאַר־געשטעלט דאָס פֿאָלק אַליין און דאָס שליחות פֿון פֿאָלק אין דער נײַער צײַט און אין דער מאָדערנער וועלט. דאָס ערשטע שליחות פֿון פֿאָלק, האָט מען געהאַלטן, איז זיך אַליין נישט צו פֿאַרלירן. דאָס שליחות פֿון פֿאָלק איז נישט נאָר צו דערגרייכן אייגענע אינסטאַנצן, מאָדערנע, נייטיקע, שטאַרקע. די אינס־טאַנצן זײַנען דאָך אויף אויפֿצוהיטן דאָס שליחות פֿון פֿאָלק, אויפֿצוהיטן די אויטענטישקייט, דעם בונד מיט דער אַמאָליקער אייגענער גרויסקייט, וואָס אַלע פֿעלקער זײַנען אין איר אײַנגעגלייבט.

אויף דעם דרך איז אויך געגאַנגען ס׳רובֿ אי די העברעיִשע אי די ייִדישע שפּראַך־פּלאַנירונג אין דער נײַער צײַט. פֿאַר די גרויסע ייִדישע שפּראַכקענערס און פֿאָרשערס אין מיזרח־אייראָפּע און אין אַמעריקע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין ייִוואָ און אַרום ייִוואָ און אין אַנדערע קרײַזן, איז שפּראַך־פּלאַנירונג און שפּראַכקולטור געווען זייער צושטײַער צו דער דערקענונג און דערהיטונג פֿון אויטענטישער ייִדישער גרויסקייט און שטאָלץ אין דער מאָדערנער צײַט, ווען אַ ל ע פֿעלקער פּלאָגן זיך כּדי אויפֿצוהיטן אויטענטישקייט, ווײַל אין אַ צײַט פֿון אוניווערסאַלער טעכנאָלאָגיע, אין אַ צײַט פֿון אוניווערסאַלע אידעאָלאָגיעס, אין אַ צײַט פֿון פֿאַרגרעסערטע קאָנטאַקטן פֿון איינע מיט די אַנדערע, איז זייער שווער אויפֿצוהיטן אויטענטישקייט. שפּראַך־פּלאַנירונג איז תּמיד כּולל אין זיך אַ נאַציאָנאַלן ציל, אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אַ נאַציאָנאַלע וויזיע, און די לינגוויסטן אַרום ייִוואָ האָבן טאָקע כּסדר געאַרבעט מיט אַזעלכע צילן און וויזיעס. אַז וויל איז אונדז, און אַז וויל איז דעם ייִוואָ, וואָס ייִדיש איז פֿאַר אים און פֿאַר אונדז ניט אַ סימן פֿון אַ טויטער, צעשלאָגענער עדה, נאָר פֿאַר־קערט, פֿון אַ סבֿיבֿה וואָס זוכט כּסדר צו לעבן פֿרײַער, שאַפֿערישער און אויטענ־טישער ווי פֿריִער. אַ דאַנק דעם איז די פֿאַרבינדונג פֿון שפּראַך־פּלאַנירונג און פֿאָלק־המשך אַזאַ ענגע, אַזאַ עמאָציאָנעלע, אַזאַ גורלדיקע אי בײַם ייִוואָ, אי בײַ אונדז, זײַנע פֿרײַנד און זײַנע בויערס.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשע"א

# ייִוואָ בלעטער

## טריפֿט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

באַנד XLIV

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ
ניו־יאָרק, 1973